יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 99 | Łódź, Piątek, 27 kwietnia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"ב אייר תרצ"ד | № 99 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


## יודען! שרייבט אונטער די נאציאנאלע פעטיציע!


זונטאג, פ' אמור, י"ד אייר (פסח שני) איז דער טרויער-טאג פון דער לאדזער יודישער געמיינדע, אין דעם טאג איז דער 22-טער יאהר-צייט פון דער פטירה פון אונזער אונפערגעסליכען גאון און צדיק הרב רבנו

**אלי' חיים מייזל**

**ב"ר משה זצ"ל ראב"ד דקהלתנו**

דעריבער ערלויבען מיר זיך צו בעטען אלע גבאים פון די שוהלען, בתי-מדרשים, חברות און שטיבלעך, אז זיי זאלען זיך משתדל זיין דעם ש"ק פ' אחו"ק צו מאכען הזכרות לנשמתו הטהורה און די נדרים ביי די הזכרות ווי אויך ביי די עליות זאלען גיין לטובת דער תלמוד-תורה ע"ש הרהגה"צ ז"ל, און די רשימות פון די מנדבים אריינשיקען אין תלמוד-תורה, יאקיבא 6.

זונטאג, אין טאג פון דער יאהר-צייט, וועלען ווערען געמאכט הזכרות אויפ'ן בית-החיים פון 10 ביז 11 א זייגער פריה דורך א געוויסען חזן. עס וועלען אויך מאכען הספדים בעקאנטע פערזענליכקייטען

**די פערוואלטונג פון דער תלמוד-תורה**

ע"ש הרהגה"צ רבנו אלי' חיים מייזל זצ"ל.



מיר נעהמען אן אפשפארונגען פון 1 זל. אן

**Bank Kupiecko-Kredytowy Spółdzielczy**

**w ŁODZI**

z ograniczoną odpowiedzialnością

**UL. PIOTRKOWSKA Nr. 29**

מאכט בעקאנט, אז אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון פינאנץ-מיניסטעריום פון 30/11 1933 י. דז. אוסטאוו № 94 פון 1/XII 1933 י. פאז. 733 § 1 ווי אויך פון 23/3 1934 דז. אוסטאוו № 29 פון 9/4 1934 פאז. 246 § 2, אז דער העכסטער פראצענט-זאץ, וואס ווערט געצאהלט דורך דער באנק פון

**פקדונות, לאקאטען און געלד-אפשפארונגען**

**6½% יעהרליך**

ביי לאנג-טערמיניגע לאקאטען.

**בעמערקונג:**

דער ארט. 52 פון דעם נאוועליזירטען קאאפעראטיוו-געזעץ זעהט פאר דאס זיכערן די געהיימנישען, וואס האבען א שייכות מיט די לאקאטען-בעזיצער ווי אויך מיט די דורך זיי איז קאאפעראטיוו אריינגעלעגטע אפשפארונגען.

פשוטע-רעכענונגען, אנווייזונגען, אקרעדיטיוון

**שנעלע און זארגפעלטיגע אינקאסא!**



כשר — היגיעניש

**איבערראשענדע! נייעס!**

דער גוט-בעקאנטער

**„RAJ" פענסיאנאט**

פון הולאנקי (אינה. יורקעוויטש) איז שוין טעטיג און געפינט זיך איצט אין שענסטען פונקט, אין

**ווישניאווא גורא**

אין זיילבערט'ס שענסטע פאלאץ געבען וואלד.

מיר שטעלען די ג. געסט צו: טרוקענע, זוניגע, גרויסע צימערן מיט זעמטליכע בעקוועמליכקייטען, ווי: טאראס-פלאזשע, באד-צימערן, ראדיא, טעלעפאן ווי אויך פערשידענע ספארט- און געזעלשאפט-שפילען.

די קיך געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון ריטשנערטע מאכמענער.

קאנקורענץ-פרייזען! — סאלידע בעדינונג!

אינפארמאציעס ווערען ערטיילט אויפ'ן ארט אדער טעלעפאניש

Wiśniowa Góra Pensjonat „RAJ"

Jurkiewicza, telefon № 5.

כשר — היגיעניש



**פעקלעך נאך ז.ס.ס.ר.**

פון לעבענסמיטעל שיכווארג א.א.שיקט נאך דורך **Torgsin**

Moskwa, Kuzniecki M. 14

אנווייזונגען אין אלע וואלוטעס (גאלד, דאלארען, פונטען אדער פראנקען) אויף א גרויסן אויס-וואהל סחורות פון די אוניווערסאלע מאגאזינען פון "TORGSIN", לויט די ניעדם בערייטענד-געקלען דעריטע פרייזען נעמט אן:

Poczta, Bank Gospod. Krajow. Powszechny Bank kredyt. Tow. „Hias", Biuro Posyłek Nowogrodzka 39, B-cia Pakulscy, B-cia Hirszfeld w Warszawie, Drezdeński Bank w Gdańsku,

אינפארמאציעס ערטיילט:

Przedst. Handl. Z. S. S. R. w Polsce Warzawa Koszykowa 4. Tel. 9-06-66,



**פענסיאנאט „ווייינגאט"**

**קאלומנא** מאכט בעקאנט, אז דער פענסיאנאט האט זיך איבערטראגן אין איינע פון די שענסטע ווילעס פון קאלומנא אויף דער לודזקא גאס. 3 מינוט גאנג פון דער באן.

ערשטקלאסיג עלעגאנט מיט אלע מאדערנסטע איינריכטונגען מיט'ן בעסטען קאמפארט, א פראכטפולער וואלד, שעהנע גרויסע זוניגע צימערן, זונען-טעראסע, פערגלאזטע ווערענדעס, „ראדיא". געשמאקפולע קיך, פינקטליכע און רעיעלע בעהאנדלונג, מעסיגע פרייזען. שטרענג כשר, אויף פערלאנג דיעטישע קיך.

בעמ. דער פענסיאנאט איז שוין טעטיג.

צו ווענדען זיך שריפטליך אויף פאלגענדע אדרעס:

Pensjonat „Weingot", Kolumna ul. Łódzka

אינפארמאציעס אין לאדז ביי ר' חיים ווערדיגער אגראדאווע 5. טעלעפאן 215-24.



צו דער פערלאבונג פון מיין ליבע שוועסטער

**דארא גוטגאלד** מיט מיין פריינד **לייבל נאדעל**

ווינש איך זיי א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.

Aaram Gutgold



**הנהלות**

**הגמנסיות**

**ובתי-הספר העממיים**

של החברה ליסוד בתי-ספר עברים בלודז

מודיעות, כי הלשכות של

**הגמנסיה הראשונה לנערים,**

רחוב מניסטרצקה 21, טלפון 134-11

**הגמנסיה השניה לנערים,**

רחוב מניסטרצקה 22, טלפון 134-12

**הגמנסיה לנערות,**

רחוב פירמוביץ 6, טלפון 127-95

מקבלות בשעות העבודה, משעה 10 עד 14, הרשמות אל הגמנסיות ואל כל המחלקות של בתי-הספר העממיים.

אל המחלקה הראשונה של בית-הספר העממי לפנים מכינה א) מתקבלים ילדים שמלאו להם שש שנים.

ההרשמות של ילדים וילדות בגיל ארבע שנים ומעלה אל

**גן הילדים של החברה הנ"ל** (רחוב שנקביטש 26)

מתקבלות בלשכת הגמנסיה לנערות, רחוב פירמוביץ 6.



ערשטקלאסיגע שוועדישע

**שטריק-מאשינען**

מיט 2 פאדען-פיהרערס צו בעקומען ביי

**אינזש. ג. פראשקער**

לאדז, זאוואדזקא 16a,

טעלעפאן 127-52.



**Park Juljanów**

איז שוין אפען פאר'ן

געעהרטען פובליקום


## דער לעצטער טאג

### ארויסצונעמען הכשרים

אויפן חודש אייר

איז זונטאג דעם 29/4 אין די שעה'ן פון 10 ביז 2 בייטאג. מאנטאג ווערט נעשלאסען די ליסטע פון די קצבים וואס האבען בעקומען הכשרים, כדי זיי צו פערעפענטליכען אלס אזעלכע וואס שטעהען אונטער די אויפזיכט פון ראבינאט.

**ועד הרבנים לעדת לודז**

ג' אפיק, ג"ד.

## אויפרוף!

צו דעם 40-יעהריגען יובילעאום פון דעם געליבטען דיריגענט ה' מ. דארנזשאנסקי, וואס דארף פארקומען דעם 2 מאי ד. י. בעטען מיר די אלע מיטגלידער וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דעם געזאנג-פעראיין „מנעימי זמירות" אין לאדז מיט 35 יאהר צוריק זאלען זיך בעמיהען זונטאג דעם 29 ד. מ. פינקטליך אום 6 א זייגער ג. מ. אין דער וואוינונג פון ה' ארטור אבראמזאהן אין לאדז, 6-טער שערפניא 37.

א גרופע מיטגלידער

# פיניעלע מזיק
## ניט לישׂן



כאווירים יאטן פין שמולן געסל און פון גאנץ באליט.

געל ענק פאציילן א מאנסע עס ענק קאן פין ווילאכטער. הערץ און האלץ ענק בא די זאטן. די ווילקער אבן דאך אונדזער פעאייניקטן בלאף (גער מיינט: בלאק) גימאכט א פראפיגאציע, מ'זאל זיך מיט זיי פעאייניקן אין איין גרויסן בלאף!

ציגיהעיערט א כיצפע און א הוזע פון די ווילקער לאזוכים? א וואשנע מיצאצע — א בלאף מיט ווילקע?

ווייסט ענק כאוושיג, פארוואָס, זיי ווילן זיך יעצן פעאייניקן מיט אינדזער באליטער בלאף? על איך ענק פאציילן די מאנסע:

די ווילקער יאטן קענט ענק דעך. זייער גאנצע קינץ בעשטייט אין טשאקען די פאוויעטזשע און פין א וואנץ מאכן א העלפאן (געמיינט: א העלפאנט).

פון זייער בלאף אבן זיי אכעט גימאכט א העלפאן אזוי אבן אבן זיי א וואנץ. זיי האלטן אין איין טשאקען, זיי אגע שוין די ווערטשאפטליכע ראגיגאזאציעס און די האנטווערקער־פריינדען. זיי אגע די אנטידאקסען מיט די פאליקספארטיי און נאך און נאך און דער מאך איז, אז אבן אבן זיי קידוכים מיט שאדלע מלעקא.

גאנצע בענט זיצן זיי, די ווילקער יאטן, ווי א קוטער אף די זרויע און האלטן אין איין האגדלן און שאכערן ווי מיט פאפאלטע לעזילקעס. כ'זוג ענק, אז ס'גייט זיך א כילושעס אויף פאר דעם גאנצן ווילקער בלאף.

נו, קימען זיי יעץ די ווילקער יאטן צי אינדז מיט א פראפיגאציע, אז מיר, יאטן פין שמולן געסל זאלן פעראייניגן אינדזער באליטער בלאף מיט זייער ווילקער בלאף.

איך, פיניעלע, דער פרעזענטאנט פין באליטער בלאף און פין אלע יאטן פון שמולן געסל ערקלער קאטעגאריש, אז מיר, דער באליטער בלאף עט זיך מיט די ווילקער לאזוכים ניש פעאייניקן. די באליטער יאטן גייען זעלבסט און שטענדיג צים שטאטראט — איך אב גיסקינטשיט!

# מיט וואס אייבער האנדעלט
## וואס מ'דערצעהלט וועגעז דיר. צעלמייסטער

וועגען דירעקטאר צעלמייסטער דערצעהלט מען: ער איז אבימעלטען קראנק געווארען. ס'האט איהם געשטאכען אין א זייט. פרעגט איהם דער דאקטאר:

— פאניע דירעקטאזשע, וואו טוט איך וויי?

— די רעכטע זייט אין דער גרינע רייהע — האט צעלמייסטער געענטפערט.

# הייניגער פריהלינג

הייניגען
פריהלינג
פיהל איך
זיך גוט
ליב נישט
און מאך זיך
נישט קאליע
דאס בלוט;
ליב נישט
און ווער
נישט געליבט
אויפסניי —
הייניגען
פריהלינג
אטעם איך
פריי,

הייניגען
פריהלינג
לעב איך
מיר שטיל,
ליב נישט
און גיה מיר
וואוהין
איך וויל;
ליב נישט
און ווער
נישט געליבט
און קאן,
וואס באר
און ווען באר
מיר ווילט
זיך, טאן.

יא, הייניגען
פריהלינג
געהט עס
מיר גוט —
נאך אזא
פריהלינג,
און איך
בין קאפוט!

# פריהלינג אין פארק

ער: זי ווייסען פאנגא פאלע, זי זענען פונקט ווי צוקער,
זי: אזוי זיס?
ער: ניין, אזוי ראפינירט.

# הינטער די קוליסען
## פון יודישען טעאטער

אין די טעאטער־קרייזען שמועסט מען, אז דער ארטיסט סאנדלער וועט אומברענגען דעם יודישען טעאטער: יעדען אווענד „דערשיסט" ער א 10 ארטיסטען, און אויב די פיעסע „אין ברוינעם גהינום" זאל געהען א לענגערע צייט, וועט ער אויסשיסען אלע יודישע ארטיסטען, און ב'ווער פון זיי קיין זכר נישט בלייבען.

# נייע באהן־הנחה
## צום זומער־סעזאן

ווי איבזש, ווייגבערג פון „וואגאן לי קוק" גיט איבער, ווערט צום זומער־סעזאן איינגעפיהרט א נייע באהן־הנחה. די הנחה בעשטעהט אין דעם, וואס די פאסאזשירען. וואס וועלען אויסקויפען בילעטען, וועלען נישט זיין געצווינגען צו פאהרען, ער וועט מיט'ן בילעט פריי און פראנק קענען זיצען אין דער היים.

# א פאטאגראפישע אויפנאמע
## מיטעקל האט איהר געשטערט די שמחה

אין דער שולע קומט דער פאטאגראפיסט פון „פאלאניא" מאכען אן אויפנאהמע פון די שילער. די לעהרערין וועלענדיג בערוהיגען די שילער זאגט זי:

— זיצט רוהיג, קינדער! א פאטאגראפיע איז זעהר אן אנגענעמע זאך, אין יאהרען ארום, וועט יעדער פון אייך ווייזען: דאס איז הענעק, דאס איז מענעק, וואס איז יעצט אין ארגענטינע, און יענער איז אבראמעק, א פראפעסאר אויף דער ירושלים'ער אוניווערזיטעט.

— יא, יא, האט צוגעגעבען דער קליינער מיטעק — און דא איז די לעהרערין, וואס איז שוין לאנג טויט.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●


בייל‏אגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 99

פרייטאג, דעם 27 אפריל 1934


## ס'שמעקט מיט בל־אק!...



יודען: פע, דא באהעבט מוז ערגיץ פארקומען א זיצונג פון א וואהל־בלאק...

